START

CONTROL TEST TARGET
for Kodak Quality Monitoring



Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww Xx Yy Zz

Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww

Note: This target is intended for routine quality control checking and uniformity.
It is not to be used for certification of meeting any ANSI or ISO Standards for image quality requirements.
Note: To record background density, use a blank sheet of white paper.

A-2289 CAT 800 7403 Rev. 2/00 @ Eastman Kodak Company, 2000 Printed in U.S.A.

Document Imaging
EASTMAN KODAK COMPANY
Rochester, New York 14650
1-800-232-8811

DOCUMENT IMAGING

Kodak

Microfilmed 2005
By the
Center for Jewish History

For
YIVO Institute
For Jewish Research

NEW YORK, NY

Reproduction may not be made
without permission.

YIDDISH DRAMA

PRESERVATION

PROJECT

YIVO
LIBRARY

REEL
Y-2005-1915.15

Dzsheykobs, Meks.
Der meshugener soldat : a stsene-monolog.
New York : Vays Star soshel klab, [19--?].

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2005-1915.15

Dzsheykobs, Meks.
Der meshugener soldat : a stsene-monolog / fun Meks Dzsheykobs ; geshpielt fun Dzsheyk Dzsheykobs.
New York : Vays Star soshel klab, [19--?].
[4] p. : ports. ; 17 cm.

1. Yiddish drama.--lcsh
I. United States-New York-New York

ID : NXYH02-B3038 CC: 9114 DCF: [HBR]
CALL #: /50983

Reduction ratio X10.0

דער מעשוגענער סאלדאט

א סצענע־מאנאָלאג

קלמן מרמר, ניו יארק

פון מעקס דושייקאבס

ארויסגיגעבען פון דעם

ווייט סטאר סאשעל קלאב

דער מעשוגענער סאלדאט

א סצענע־מאַנאָלאג

פון מעקס דושייקאבס

ארויסגעגעבן פון דעם

ווייט סטאר סאשעל קלאב

געשפּיעלט פון

דושייק דושייקאבס

THIS IS THE PLACE YOUR FRIEND SAID!

H. NEWSCHOT'S

SAMPLE SHOES AT MODERATE PRICES

97 ESSEX STREET

Near Delancey Street NEW YORK CITY

די סצענע

אַ שלאַכט פעלד, ס'איז מיטען נאַכט. דער סאָלדאט קומט אריין זעהר דערשראָקען. דער קאָפּ צושויבערט און פערשטויבט דאָס פּנים איז ניט געראַזירט. זיינע קליידער זיינען צוריסען און מיט בלוט פלעקען.

דער מאנאלאג

ס'איז פינסטער, שאַ, שטיל, קיין פּיפּס, קיין שאָרך, שטיל ווי אויף איין בית עולם. נאָר די קברים זיינען ווייט ווייט און טיעף. די לופט איז דאָ אזוי פערשטיקט, עס פילט זיך נאָך ריח פון מענשען פלייש. באַלד וועלען קומען הינד און גריזשען די צושאָסענע ביינער. די רויב־פויגעל וועט פּיקען די צו־בראָכענע שערבענס, און אויסזויגען דעם פערבליבענעם מאַרך . . . אַ ייי שרעקיך ! שוידערליך ! עס גרוילט . . . כאַ, כא, כאַ, פאַר מיר איז דאָס שוין קיין נייעס נים, פאַר זיי, דיא נייע פריש צאַפּעלדיגע יונגע לעבענס, די ערשט אָנגעקומענע. זיי שרעקען זיך, פאַר זיי איז דאָס שוידערליך גרויל־האַפט, אָבער ניט פאַר מיר, מיך שרעקט נאָר די שטילקייט, דאָס פינסטער־ניש . . . עה ! וואו זיינט איהר ! ? ארויס פון אייער בעהעלטעניש, וואָס שווייגט איהר ! שיסט, שפּרינגט, טאַנצט, לויפט, איך אָב ליעב צו הערען דאָס קראַכען פון דיקאַנאָנען, איך ליעב צו זעהען דאָס ליכט פון די פייער פלאַמען, איך וויל זעהען דעם שוידער טאַנץ . . . איך וויל זעהען בלוט, בלוט גאַנצע טייכען, די ערד איז טרוקען זי וויל אויך בלוט טרינקען, פון בלוט וועט די ערד פעטע שפּייז געבען . . . אזוי זאָגען די פּראָפעסאָרען. פון בלוט וועל איך זיך אַ רויטען מאַנטעל פאַרבען, און אויפ'ן קאָפּ וועל איך זיך אַ קרוין פון מענשליכע גלידער פלעכטען, און דאָס וועט זיין דער סימ־באָל פון דער בלוטיגער צייט. כא, כ, כאַ, איך בין אַ קעניג ! איך בין אַ הערשער. אזוי הערש איך שוין יאָהרען, און וועל נאָך הערשען, און הער־שען . . . אַ־אַ ! איך פערשטעה פאַר וואָס ס'איז אַזוי שטיל, דאָס גרייט מען זיך צו אַטאַקירען דעם פיינד, מ'וויל איהם אָבנאַרען, כאַ, כא, כא, נאַראָ־ניש ! איהר נאַרט זיך אליין, איהר נאַרט זיך ביידע, און ווערט אריינגע־נאַרט אין די זידענע קעסלען פון צושמאָלצענעם בליי. גרייט זיך שעפּסע־לאַך, גרייט זיך צום טויט, איהר לויפט נאָך אליין, איך וויים עס, וואָס ? מ'צווינגט אייך ? ווער ? נאַראָנים, ווער ? ניין, ניין, מיר וועט איהר ניט איינרעדען, אליין ! אליין לויפט איהר צו דער שחיטה אין נאַמען פון גאָט, אין נאַמען פון מענשהייט, אין נאַמען פון ציוויליזאַציאָן, ליגנער ! וואו זיינען זיי ? צייגט זיי מיר די אַלע געטער אין וועמענס נאַמען איהר ברענגט אזוי פיעל מענשליכע קרבנות, און זאמעלט גאַנצע הויפענס מענש־ליכע ביינער, ליגנערס ! היפּאָקריטס ! ס'איז ניטאָ קיין גאָט . . . זעהט איהר אין טייפעל גלויב איך יאָ, ער איז דאָ, ער צייגט זיך יעדען מאָמענט, אויף שריט און טריט, איהם דיענט איהר, כאַ, כא, כא . . . אָט לויפט ער מיט זיין ווילדען געלעכטער, אָט טאַנצט ער, אָט שפּרינגט ער, לויפט שעפּ־סעלאַך, לויפט. דיענט צו איהם, ענטפערט איהם מיט דער קאַנאָנען שפּראַך, ער ליעבט עס. ברענגט קרבנות, נייע, פרישע, יונגע, פרעהט זיך מיט איהם. טאַנצט, שפּרינגט, זינגט, אזוי, כאַ, כאַ, כא. ער ליעבט עס, ער

איז צופרידען . . . ברררא ! אוי ! ווי קאַלט מיר איז, איך וועל שוין באַלד ווידער הערען דאָס קרעכצען פון די פערוואונדעטע, וואָס קרעכצט איהר? נאַראָנים ! פאַר וועמען קלאָגט איהר זיך ? ווער האָט דען מיטלייד מיט אייך ! שאַ, שטיל גוסס׳ט שטיל לאָזט די נשמה, אָהן קרעכצען, אָהן זיפצען, וואָס, די היים ! ס״בענקט זיך אייך נאָך דער היים? נאַראָנים ! מ״אָט שויהן לאַנג פערגעסען אן אייך, יא, יא, די פערוואונדעטע האַלט מען שוין פאַר טויט, די טויטע האָפט מען נאָך צו זעהען לעבעדיג, און די לעבעדיגע ווארטען פאַר״ן טויט . . . און איך ? אויף וואָס וואַרט איך ? וואו זיינט איהר מיינע געטרייע ? וואו זיינט איהר מיינע ליעבע ? מיר איז אזוי קאַלט . . . מיר איז קאַלט . . . דאָס בלוט אין מיינע אָדערען ווערען פערגליווערט אז איך דערמאָן זיך נאָר אין דער לעצטער שלאַכט, אַ האַנד צו האַנד קאמפף איז דאָס געווען, דעם שונא׳ס מעסער איז שוין ביי מיין ברוסט געווען, און פלוצים, מיט איין דרעה האָט מיין מעסער זיין הערץ געלעכערט, זיין ווילדער יאָמער געשריי קלינגט מיר נאָך אין די אויערען, דער שרעקליכער געשריי האָט מיין זינען גערויבט, און וואָס נאָך ווילט איהר פון מיר ? אָ לאָזט מיר פריי ! איך וויל זיין פריי ! . . . איך וויל פרייהייט ! . . . כ, כאַ, כאַ . . .

פאָרהאַנג.

KALMON MARMOR
NEW YORK

דיא צוויי מתים

געשפּיעלט פון

אהרן קאהן

פּאַטראָנייזט — פּאַטראָנייזט

דזשאו בלעק׳ס

ענגלא-אמעריקאן טהע הויז אונד ביליארדס

רייִנסטער אונד בעסטער פּלאַטץ אויף דער איסט סייד

56 סטענטאן סט. ניו-יארק

KALMON MARMOR
NEW YORK